# עס שרייט אין דער נאכט.

איר פרעסט די שיינקייט און ספּייט אויס,
די שטערן גייען אויס פאר חרפה;
אונטער אייערע ברעמען איז ענג פאר גאט,
אויבן ווערט דער הימל שווארצער.

איר טוליעט צום ברוסט ליידן און זינד,
פאר אייער געלעכטער דערשרעקט איר זיך זעלבער,
מיידלשע פיס לעקט איר, ווי הינט,
אייער נשמה קען פאר הונגער ניט שלאפן.

איבער אייערע בעטן נעכטיקט א קללה,
ביטערע ליפּן קושט איר און ציטערט;
טרוימעריש שפּילט דארטן ערגעץ די נאכט.
נאר איר פרעסט דאס גליק און שפּייט אויס.

און אז גאט איז אייך מוחל אייער עלנט, און פרובט
נאכטיקע וועלטן אין אייער הארץ וויגן, —
ליגט איר פארשפּעטיקטע מידע און הערט,
ווי עס געזעגנט דער האן אין גרויען באגינען.

ישראל שטערן.